בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

**כי תצא**

**שנה ב'**




## עס איז נאכנישט צו שפעט

אין פרשת כי תצא לערנען מיר איבער די מצוה פון שכחה, ווען השי"ת זאגט אונז אז מיר זענען פארבאטן צו צוזאמנעמען די בינטלעך וואס מיר האבן פארגעסן, ווען מיר שניידן אונזער פעלד, און צוליב דעם וועט אונז השי"ת בענטשן אין אלע זאכן, ווי די תורה זאגט: "כי תקצור קצירך בשדך, ושכחת עומר בשדה, לא תשוב לקחתו, לגר ליתום ולאלמנה יהי'ה, למען יברכך השם אלוקיך בכל מעשה ידך", (דברים כ"ד, י"ט), ווען דו ווערסט שניידן אין דיין פעלד, און דו ווערסט פארגעסן א בינטל אינעם פעלד, זאלסטו נישט צוריקגיין עס צו נעמען, עס זאל זיין פארן גר, יתום, אלמנה, און צוליב דעם וועט דיר השי"ת דיין גאט בענטשן אין אלע ענינים.

שטייט א פארמער און שוויצט לאנגע טעג צו בעארבעטן זיינע פעלדער, דאס איז נישט קיין לייכטע עבודה, און יעצט דארף ער בטעות איבערלאזן פון זיין גערעטעניש, ס'איז ווערד אסאך געלט, ער וואלט עס ווען געקענט באשטיין צו צוזאמנעמען. ער האט אויך קינדער צו שפייזן, בילס צו באצאלן, און דערצו דארף ער צאלן געהאלטן פאר זיינע ארבעטערס. וואס קען ער אבער טון? ער איז אן ערליכער איד און די תורה פארבאט אים פון צוזאמנעמען זיינע פארגעסענע בינטלעך, עקסידענטס געשען צו מענטשן, בינטלעך פאלן אראפ און ער איז געצווינגען דאס דארט צו לאזן פאר די ארעמעלייט.

### די מצוה פון פארלירן געלט

**דער** ספרא ברענגט אויפן פסוק וואס זאגט אונז איבער די ברכה וואס דער אויבערשטער וועט בענטשן די פעלד ארבעטער וואס לאזן איבער זייער בינטלעך פאר די ארימעלייט: "ושכחת עומר בשדה... לגר ליתום ולאלמנה יהי'ה, למען יברכך השם אלוקיך".

דער ספרא מאכט די פאלגענדע הוספה: מיר זעען פון דעם אז אויב א מענטש האט א מטבע אוועקגעלייגט אין זיין בערזל, און עס פאלט ארויס, און אן ארעמאן טרעפט עס און ער נוצט דאס, ווערט דער מענטש וואס האט דאס פארלירן געבענטשט דורך דעם אויבערשטן. אזוי קומט אויס לויט די תורה אז דער מענטש וואס פארלירט פון זיין פארמעגן האט א מצוה.

די שאלה איז, פארוואס קומט אים עפעס, ער האט גארנישט געטון פון זיין אייגענע רצון, ער האט נאר פארלירן געלט בטעות, נישט אז ער האט דווקא איבערגעלאזט געלט פארן ארימאן. ער וואלט ווען געוועזן מער פרייליך צוריקצונעמען זיין געלט. נו, דארף מען פארשטיין, אין וועלכן הינזיכט קומט זיך פאר דעם מענטש שכר, ווי אזוי קען א מענטש באקומען שכר פאר א טאהט וואס

האט נישט קיין שייכות צו אים?

און אזוי אויך אויף מצוות שכחה, צו וואס קומט אים שכר אויף דעם וואס דער ארעמאן האט גענומען דאס וואס עס איז אים בטעות אראפגעפאלן אין זיין פעלד?

## עס איז דא בחירה למפרע

**דער** אויבערשטער לערנט אונז דא א געוואלדיגע חידוש וואס קען איבערדרייען אייער לעבן צום גוטן. אין דעם שיעור וועלן מיר לערנען איבער דעם ענין פון 'בחירה למפרע' א מענטש קען שטייגן העכער און גרעסער לאנג נאכדעם וואס ער האט געטון א מעשה.

ווען דער פעלד ארבעטער וואס האט פארגעסן זיינע בינטלעך ווייץ, אדער דער איד וואס האט פארגעסן זיין געלט טראכט 'אויב אן עני הגון וועט פארביי גיין, און ער וועט טרעפן די ווייץ אדער געלט וועל איך זיין צופרידן', דאן באקומט ער שכר אויף די מצוה פון צדקה. קען זיין אז ס'וועט נישט זיין די זעלבע ווי ווען מען געבט צדקה לכתחילה, אבער ס'איז נאך אלץ א געלעגנהייט צו באקומען ברכות פון אויבערשטן.

דאס הייסט אז אויב א מענטש פריידט זיך מיט די מצוה וואס איז געטון געווארן דורך אים, אפילו אויב בשעת מעשה איז עס נישט געווען דוקא ברצון, באקומט ער שכר דערויף.

דער חידוש פון בחירה למפרע עפנט פאר אונז געלעגנהייטן פון גרויסקייט אין אונזער טאג טעגליכן לעבן ווען מיר זענען אזוי פארנומען אז מיר טרעפן זיך צומאל אומבאהאלפן צו טון מצוות ומעשים טובים. דער אמת איז אז אייערע פארגאנגענע מעשים קענען זיין א קוואל וואו איר קענט שעפן גרויסקייט נאכאנאנד.

לאמיר נעמען א ביישפיל: ס'קומט פאר א ברית. יעדער איז זייער פריילך, מען וואונטשט זיך מזל טוב איינער דעם צווייטן. נאר איינער וואס איז אנוועזנד דארט איז בכלל נישט צופרידן און ער איז דער ווייטיגסטער פערזאן דארט ווען יעדער איז געקומען מכבד זיין. דאס קליין קינד וועמען מען האט גע'מל'עט איז זייער אומצופרידן, ער וויינט און פראטעסטירט פאר די גאנצע אקציע וואס מען האט אים דא אפגעטון. אויב איר זענט אמאל געווען א סנדק קענט איר עדות זאגן ווי שווער ס'איז געווען צו האלטן דאס קינד, ער מאכט א ווידערשטאנד צו ווערן באפרייט. ס'טוט אים וויי, אויב וואלט ער געקענט וואלט ער געכאפט הענט און פיס און אנטלאפן.

דער רמב"ם פרעגט א שאלה "פארוואס מאכן מיר א ברית מילה ביי די אכט טעג און נישט ביי די בר מצוה?" און ער ענטפערט: ווייל דער בחור וואלט נישט געווען אין ערגעץ צו געפונען... איר וואלט יעדן איינגעלאדנט צום ברית, יעדער וואלט געווארט אז דער קוואטער זאל אריינברענגען דאס קינד, אבער מען וואלט אים נישט געטראפן...

די שאלה איז, האט דאס אכט טאגיגע קינד מקיים געווען די מצוה פון מילה? ער האט דאס נישט אויסגעוועלט. אויב וואלט ער געגאנגען מיט זיין אייגענעם ווילן אזוויי אברהם אבינו, וואלט דאס געווען פאר אים א געוואלדיגע געלעגנהייט פאר מסירת נפש.

ס'איז נישט א קליין מצוה אויף וואס דאס קינד האט פראטעסטירט. מצוות מילה איז איינע פון די צוויי מצוות וואס די תורה געבט כרת. מילה איז א וויכטיגע מצוות עשה, אויב א מענטש וויל זיך נישט לאזן מל'ען איז ער חייב כרת. און דא האט איר געווארפן א ווידערשטאנד ביי אייער ברית מילה, איר האט דאס בכלל נישט געוואלט. אלע יארן פארבלייבט איר מיט דעם פלעק אז איר האט נישט געוואלט מקיים זיין איינע פון די וויכטיגסטע מצוות. איז דאס אויסגעהאלטן פאר א איד צו

האבן אויף זיין רעקארד אז ער האט זיך נישט געלאזט צו מקיים זיין א מצוה? מיינט נישט אז ס'איז א קליינע פראבלעם.

ס'איז א שאד אויב מענטשן לעבן אפ זייערע הונדערט און צוואנציג יאר, אן דעם וואס זיי זאלן מתקן זיין אויף די מצוה וואס זיי האבן פארפאסט. נו, ווי אזוי קען א מענטש מתקן זיין אויף דעם וואס ער האט נישט בוחר געווען די געוואלדיגע מצוה?

יעצט ווען איר זענט ערוואקסן, איז דער צייט וואס איר קענט צוריקקוקן און דאנקען השי"ת אויף דעם וואס איר האט זוכה געווען צו ווערן גע'מל'עט. זאגט עס נישט סתם ארויס מיטן מויל, נאר מיינט עס מיטן גאנצן הארץ. איר קענט זיין א **בוחר למפרע** און באקומען שכר פארן זיך לאזן מל'ען ווען איר האט נישט געהאט קיין שכל דאס צו שעצן.

יעדן טאג האט איר א געלעגנהייט צו פאררעכטן וואס איר האט פארפאסט. אין ברכת המזון זאגט מען: **נודה לך השם אלוקינו על בריתך שחתמת בבשרנו**, מיר דאנקען דיר באשעפער אונזער גאט אויף די בונד וואס דו האסט פאר'חת'מעט אין אונזער קערפער. פארפאסט נישט די גאלדענע געלעגנהייט. דאנק דעם אויבערשטן פאר די ברית וואס מען געמאכט אויף אייך אזויפיל יאר צוריק. שטעלט אייך אפ און זייט אייך מתבונן אין אייער ברית וואו איר זענט א נימול. איר בעט זיך ביים סנדק ער זאל אייך צוהאלטן פעסט ווייל אפילו איר האט א שטארקע רצון, טוט עס וויי, אבער איר נעמט עס אן באהבה.

## מתן תורה נאכאמאל

**ביי** מתן תורה האט דער אויבערשטער געזאגט: **"ולא אתכם לבדכם אנכי כורת את הברית הזאת, כי את אשר ישנו פה עמנו עומד היום לפני ה' אלוקינו, ואת אשר איננו פה עמנו היום"** (דברים כט. יד), און נישט נאר מיט אייך אליין טו איך שניידן דעם בונד, נאר סיי מיט דעם וואס איז יא דא מיט אונז היינט און שטייט פארן באשעפער אונזער גאט, און סיי מיט דעם וואס איז נישט דא היינט מיט אונז. חז"ל זאגן אז דאס מיינט אז מיר זענען אלע געווען אנוועזנד ביי קבלת התורה, און מיר האבן אלע געשוואוירן צו היטן די תורה. **'מושבע ועומד הוא מהר סיני'** (נדרים עא), ער איז באשוואוירן שוין פון בארג סיני. האבן מיר טאקע געשוואוירן? מיר זענען דאך נישט דארט געווען, וועט איר מיר זאגן אז אייער נשמה איז דארט געווען. א נשמה האט אבער נישט קיין בחירה. אונזער נשמה איז געווארן מחויב אבער מיר האבן דאס נישט אויסגעוועלט. דאס מיינט אז מיר האבן פארפאסט די גאלדענע געלעגנהייט פון קבלת התורה.

אונזערע אור-עלטערן האבן בוחר געווען מיט זייער אייגענע רצון ווען זיי האבן געזאגט נעשה ונשמע, דאס איז געווען אזא געוואלדיגע זאך אז דער אויבערשטער האט געזאגט "מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי כל הימים" (דברים ה, כ"ו), הלואי זאלן זייערע הערצער זיין אלעמאל אזוי, מיר צו פארכטן אלע טעג. דאס גאנצע פאלק איז געווען אנוועזנד ביים אויסטערלישן מעמד און מיר האבן דאס פארפאסט.

מיר קענען אבער צוריקגיין צו מעמד הר סיני און מקבל זיין די תורה פונדאסניי. איר דארפט נאר זאגן: "איך וואלט געוואלט שטיין מיט עם ישראל און מקבל זיין די תורה בלב שלם". ווען איר זאגט דאס האט איר בוחר געווען הר סיני.

יעדן טאג ביים דאווענען נאך די פרשיות פון קריאת שמע זאגט מען: **אמת ויציב ונכון וקים וישר ונאמן ואהוב ונחמד עלינו** - עס איז אמת און שטאנהאפטיג און ריכטיג, און באשטעטיגט און רעכטפארטיג, און באגלייבט, און באליבט, און געגלוסט אויף אונז. ווען איר האט אינזין וואס איר

זאגט האט איר מקבל געווען די תורה ווי ביים הר סיני. מענטשן כאפן נישט וואס זיי זאגן דא, די ווערטער זענען אן אויסדרוק פון צופרידנהייט פון קבלת התורה. אויב איר זאגט ממילא די ווערטער יעדן טאג קענט איר שוין אויסניצן די געלעגנהייט זיך פארצושטעלן ווי איר שטייט פאר הר סיני, און איר שרייט אויס נעשה ונשמע אינאיינעם מיט כלל ישראל.

## ס׳איז צייט צו ווידער חתונה האבן

**אויב** מ׳קען ווידער מקבל זיין די תורה, דאן פארוואס נישט ווידער חתונה האבן? ווען איר זענט געשטאנען ביי די גרויסע טאג פון אייער חתונה זענט איר געווען אין גרויס בלבול. ב״ה אז אלעס האט זיך גוט אויסגעארבעט, אבער ריכטיג האט זיך דער גרויסער טאג נישט אויסגעארבעט, איר זענט געווען פארנומען צו חתונה האבן און איר האט פארגעסן אז איר האט חתונה פאר א סיבה צו טון רצון השם, די סיבה פארוואס איר האט חתונה געהאט איז צו מאכן א מענטש פון זיך. איך גלייב אז איר האט מתפלל געווען אונטער די חופה, און אפשר פארדעם אויך, אבער איר האט נישט געווידמעט די טאג צו אנערקענען אז איר הייבט יעצט אן א קאריערע פון עבודת השם. איר האט פארלוירן די געלעגנהייט צו חתונה האבן לשם שמים. א געלעגנהייט פון איינמאל אין לעבן איז אייך פארלוירן געווארן פון אונטער אייערע הענט.

אבער זייט וויסן ס׳איז נאכנישט צו שפעט! איר קענט זיך דערמאנען פון אייער יום החופה און אינזין האבן אז איר האט חתונה לשם שמים. זאגט איבער הויך: ״מיין מטרה פון חתונה האבן איז צו אויפשטעלן א בית נאמן בישראל און מגדל זיין ערליכע קינדער וואס וועלן דיך דינען״. (לאזט נישט אייער פרוי דאס הערן, זי זאל וויסן אז איר האט חתונה געהאט פאר איר...).

פאר די אלע יונגע מענטשן וואס האבן נאכנישט פארפאסט די געלעגנהייט. געדענקט וואס איך זאג ענק. אין טאג פון אייער חתונה זאלט איר האבן ישוב הדעת צו וויסן פארוואס איר האט חתונה.

## דער קעניג באדאנקט פארן שלאגן

**נעם** א פינף יעריג קינד. די מאמע טוט אים אן און נעמט אים אין חדר צום ערשטן מאל. ער איז נישט פרייליך אפילו דער רבי געבט אים א צוקער׳ל. ער איז מוחל די גאנצע טראסק ארום אים, ער וויל בעסער בלייבן אינדערהיים מיט זיין מאמע, קיינער פרעגט אים אבער נישט. ער מוז גיין אין חדר.

אזוי גייט דאס קינד אן פאר אסאך יארן. די מאמע וועקט אים אויף אינדערפרי און שיקט אים אין חדר בעל כרחו. דאס זעלבע איז מיט די מיידלעך, זיי האלטן נישט ביים גיין אין סקול לערנען רמב״ם. ס׳איז גרינגער צו בלייבן אין בעט מיט א ביכל, אבער קיינער פרעגט זיי נישט. די קינדער ווערן געשיקט אין מוסדות קעגן זייער רצון, דאס גייט אן פאר יארן. זיי האבן געהאט א געלעגנהייט צו שעצן די אוצר פון תורה און יראת שמים וואס די מוסדות האבן אריינגעלייגט אין זיי, אבער זיי האבן פארפאסט די געלעגנהייט.

געדענקט, ס׳איז נאכנישט צו שפעט. היינט ווען איר גייט ארויס פון דא זאגט ארויס בלב שלם: ״איך דאנק אייך מיינע עלטערן פארן מיר שיקן אין חדר יעדן טאג״.

ווען דער קרוין פרינץ פון באוואריע איז אויפגענומען געווארן אלס קעניג האט ער געלאזט רופן זיין לערער וואס האט געלערנט מיט אים אלס קינד און ער האט אים געגעבן א הויכע פאזיציע אינעם פאלאץ. ער האט אים געזאגט: ״איך דאנק אייך אז איר האט מיר געשלאגן״. מען רעדט דא פון א גוי. ער האט אויך פארשטאנען אז ווען נישט וואס מען האט אים געצווינגען אלס קינד וואלט גארנישט אויסגעוואקסן פון אים.

יעצט ווען איר זענט שוין ערוואקסן, קוקט צוריק צו אייערע קינדער יארן ווען אייער מלמד אדער עלטערן האבן אייך געשלאגן אדער באשטראפט. דאן האט איר נאכנישט פארשטאנען די טיפקייט פון דעם, אבער יעצט ווען אייער שכל איז רייף, זאלט איר זיי שעצן און דאנקען אז זיי האבן אייך געצווינגען צו טון וואס איז ריכטיג, ווייל אויב נישט וואס וואלט שוין אויסגעוואקסן פון אייך?!

## מיין וועג קיין סלאבאדקע

**איך** וועל אייך אנטפלעקן א סוד. ווען איך בין געפארן קיין סלאבאדקע איז דאס נישט געווען פון מיין אייגענע רצון. איך בין טאקע געגאנגען אבער ס'איז נישט געווען וואס איך האב אויסגעוועלט צו טון. איך געדענק ווי איך בין געזעסן מיט מיינע חברים אין מאנהעטן, אינדרויסן פון די ישיבה ביים צוים און מיר האבן געשמועסט. מיינע חברים האבן מיטגעטיילט מיט מיר אז זיי פארן קיין סלאבאדקע. "קום מיט אונז", האבן זיי מיר גערופן.

"איך בין אבער זייער צופרידן צו לערנען אין ישיבה אין אמעריקע", האב איך זיי אפגעווארפן. איך האב נישט געוואלט אוועקפארן, אבער מיינע חברים האבן מיר נישט אפגעלאזט. זיי זענען געווען פון מיין חבורה האב איך זיך אויך איינגעשריבן און געגאנגען לערנען צוזאמען מיט זיי.

היינט ווען איך קוק צוריק, זע איך וואספארא הצלחה דאס איז געווען פאר מיר. ס'איז געווען די גרעסטע דערגרייכונג אין מיין לעבן. איך האב געלערנט אין די אלטע צייטן אין א אייראפעאישע ישיבה. די ריח וואס איך האב דארט בייגעוואוינט איז נישט צום געפינען אין ערגעץ. שוין אפגעזען פון די מלחמת התורה וואס איז דארט פארגעקומען בייטאג און ביינאכט, און צוגאב צו די רוח המוסר. ס'איז געווען אן אויסטערלישע רעספעקט פאר די ראשי ישיבות, אויסערגעווענליכע תלמידי חכמים וואס האבן אונז געלערנט די סלאבאדקע דרכים. זיי האבן געהאט טיפע מוחות.

אלעס וואס איך בין דארט צוגעקומען, איז נישט ווייל איך האב עס אויסגעוועלט. דאס איז בכלל נישט מיך. היינט בין איך דאנקבאר צו הקדוש ברוך הוא פאר אלע חסדים וואס ער האט געטון צו מיר.

## יסורים מיט בחירה למפרע

**מיר** ווייסן אלע אז יסורים לייטערן אויס א מענטש, דער פראבלעם איז נאר אז בשעת מעשה שעצט מען נישט די מתנה. אבער נאך ווען אלעס איז שוין אריבער איז גרינגער צו טראכטן מיט ישוב הדעת. איר קענט צוריקטראכטן און אויסרופן "אוֹדְךָ ה' כִּי אָנַפְתָּ בִּי - איך דאנק דיר באשעפער אויף די יסורים". יעדער מענטש ווערט בעסער דורך יסורים. אפילו די וואס ווערן נישט קיין צדיקים וועלן כאטשיג נישט ערגער ווערן דורך זייערע יסורים.

די גמרא זאגט: 'חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה', א מענטש איז מחויב צו בענטשן אויף די שלעכטס אזויווי ער בענטשט אויף די גוטס - די גמרא זאגט ווייטער 'לקבלינהו בשמחה', צו אננעמען די יסורים מיט שמחה (ברכות ס' ע"ב). ס'איז נישט גענוג נאר צו דאנקען השי"ת פאר די דורכפעלער, נאר מען דארף אים דאנקען בלבב שלם דאס מיינט מיט א מח וואס איז פולשטענדיג רוהיג. און אננעמען אלעס וואס דער אויבערשטער שיקט אן קיין שאלות אדער טענות.

אבער בשעת מעשה ווען די שוועריגקייטן ברענט, איז זייער שווער צו האבן א רוהיגע געמיט. אבער איר זענט נאכנישט א פארלוירענער. די געדאנק פון בחירה למפרע ראטעוועט אונז אין יעדן מצב. ווען די קריזיס גייט אריבער ווערט אייך אלעס קלארער. איר איבערצייגט זיך אז ס'איז פאקטיש נישט געווען אזוי שווער ווי איר האט געמיינט. איר הייבט אן צו דאנקען השי"ת פאר אלע יסורים און שוועריגקייט וואס ער האט אייך געגעבן. ס'איז נאכנישט צו שפעט איר קענט נאך אננעמען אייער נסיון באהבה.

רבי אלעזר בר רבי שמעון פלעגט יעדע נאכט פאר ער האט זיך געלייגט שלאפן נעמען אויף זיך יסורים. דורכאויס דעם טאג האט ער נישט געוואלט האבן יסורים אז ס'זאל אים נישט שטערן אין

זיין עבודת השם, אבער ביינאכט פלעגט ער רופן די יסורים. א גאנצע נאכט האט ער געליטן מיט זיין אייגענע רצון, און ווען די זון האט אויפגעשיינט האט ער אויסגערופן: "יסורים גייטס אוועק ווייל יעצט דארף איך ווערן פארנומען מיטן לערנען תורה".

רבי אלעזר איז געווען אויף אזא מדריגה צו וואס מיר קענען נישט צוקומען. קיינער וועט נישט איינלאדענען יסורים, אבער ווען זיי קומען אומגערופן, קען מען זיי אננעמען מיט אפענע ארעמס. איר האט א געלעגנהייט צו מקיים זיי דעם ובחרת בחיים.

ס'איז אן עבודה פון ווידמען די זאכן וואס ס'איז שוין געשען און צוריקגיין אין צייט צו מסכים זיין אנצונעמען אלעס וואס דער אויבערשטער האט געטון צו אייך.

די געציילטע אויבנדערמאנטע ביישפילן זענען געווען נאר ביישפילן, די געלעגנהייטן זענען עד אין סוף. איר קענט נעמען יעדע זאך אין אייער לעבן און עס נוצן צו ווערן נאנט צום אויבערשטער.

**די מצוה פון "שכחה" האט געעפנט א וועלט פאר אונז.**

**די** איינצעלנע פסוק אין די וואכעדיגע סדרה וואס רעדט זיך פון די מצוה פון שכחה האט אונז געעפנט א נייע האריזאנט פון עבודת השם. ס'האט געעפנט אונזער מח צו ענדלאזע געלעגנהייטן ווי אזוי צו דינען דעם אויבערשטן. ס'איז א וועלט וואס איז אפן צו יעדן איינעם, אבער ס'נעמט אביסל אנשטרענגונג און רצון.

די גרעסטע מתנה וואס דער אויבערשטער האט אונז געקענט שענקען איז בחירה. דערפאר איז בחירה למפרע אזוי וויכטיג ווייל ס'עפנט אויף א וועג ווי אזוי צו מקיים זיין די מצוה פון ובחרת בחיים. ניצט עס אויס און אזוי צוקומען צו אייער תפקיד אויף וואס איר זענט אראפגעקומען אויף דער וועלט.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין**
**און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן**
**אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 845-213-7571
פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**




## צו באשטעלן ביי אונז קונטרסים גליונות פאר:

## שבת באווארפן שבת שבע ברכות, שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די
- תפילות
- קריאת התורה
- זמירות
- ברהמ"ז

לויט אייער פארלאנג!

פארבינדט אייך מיט אונז
ווי פריער אין וואך
615.680.9029
gilyonosshabbosgmail.com

**לייענט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס "גליונות לשב"ק",**




פנים חדשות באו לכאן
די קונטרסים
ווערן אי"ה האבן
א נייעם דעקל לכבוד
שנת תשפ"א

# שאלות ותשובות מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

דער רב האט געזאגט ביים היינטיגן שיעור, אז ערב ראש השנה זאל מען גערענקען אלע גוטס וואס השי"ת האט אונז געגעבן פון דעם פארפאנגענעם ראש השנה ביז היינט. מיין שאלה איז, דארפן מיר נישט פארברענגען די איבריגע צייט וואס מיר האבן נאך ביז ראש השנה איבערצוטראכטן אונזערע עבירות און מעשים פונעם פארגאנגענעם יאר, און זיך פארנעמען עצות ווי אזוי זיך צו פארבעסערן דעם קומענדיגן יאר?

## תשובה:

**קענסט** זיך דערמאנענען מיינע ווערטער: "אלס חלק פון אונזער ארבעט". אין אמת'ן איז דא א געוואלד מיט ארבעט וואס דארף ווערן געטון, אין די קורצע צייט ביז מארגן ביי זון אונטערגאנג, אבער צו גערענקען אלע גוטס וואס הקב"ה האט אונז געטון משך דעם יאר, איז זיכער א גרויסער חלק פון אונזער הכנה צום יום הדין.

**אנשטאט** זיך צו זארגן ווי אזוי אנצוקומען צו אלעם, וועל איך אייך געבן א פראקטישע עצה, מאכט זיכער צו טראכטן פינף מינוט פון די פארגאנגענע יאר, פון אלע גוטס וואס השי"ת האט אייך געגעבן זייט א יאר צוריק, טו דאס איר וועט זיין א גוטער איד. און לייגט צו נאך פינף מינוט זיך פארצונעמען פאר'ן קומענדיגן יאר און דעמאלטס וועט איר זיין נאך א בעסערער איד. די צען מינוט וועט זיין פאר אייך א גרויסע דערגרייכונג.

**אויב** נאכן זיצן דא א שעה און א האלב, וועט איר ארויסגיין צו טראכטן פינף מינוט זאלט איר וויסן אז איר זענט אן אויסנאם, איר זענט א דגול מרבבה, איר זענט איינס פון צען טויזנט, עס איז נישט דא קיין גלייכן צו אייך. ווער טראכט פינף גאנצע מינוטן פון הכרת הטוב צום אייבערשטען פאר די פארגאנגענע יאר? און ווער טראכט פינף מינוט ווי אזוי זיך צו פארבעסערן פאר די קומענדיגע יאר? מענטשן רעדן דערוועגן אבער ביז דארט. דערפאר האב איך געזאגט אנהייב פון אונזער שמועס אז אויב איר טוט עס אויף א קליינעם פארנעם דעמאלטס האט איר ווייט דערגרייכט איבער סיי וועם.

### נדבת השבוע

נדבת השבוע לפ' תצא נתנדב ע"י
מוה"ר יואל בר"ש פריעדמאן הי"ו
לרגל נישואי בתו תחי' למזל טוב
יהי"ר שיזכו לבנות בית נאמן בישראל עם רב נחת דקדושה

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות

בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"